STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01291

LIRISHER TOGBUKH

Elie Verblun

Permanent preservation of this book was made possible
by Esther & Sanford Modell
in honor of
Frank Lieberman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַר דעם ליבן פריינט
יוסף רובינשטיין –
עליע ווערבלון א דאנק אײַך פאַר
דעם „ים מיט יאַמען"
אויך מגילת רוסלאנד –

23.XI.60
מאָנטעווידעאָ

לירישער
טאָגבוך

פאַרלאַג
„ווערבע"

מאָנטעווידעאָ
1960

IMPRESO EN EL URUGUAY
PRINTED IN URUGUAY

COPYRIGHT BY
ELIE VERBLUN
JOAQUIN REQUENA 2862
MONTEVIDEO - URUGUAY

ELIE VERBLUN

LIRISHER TOGBUJ
(Diario Lírico)

Montevideo
1960

Editorial
"VERBE"

פאַר

מיין זון יצחק

מיט פּאָטערלעכער ליבשאַפט

אינהאַלט:

לירישער טאָגבוך

גיב מיר ווערטער לויכטנדיקע — 9
עס שפּאַנט דער שטאָלצער — 10
צווישן ערד און הימל — 11
ווי משה האָט געשלאָגן — 12
ווען כ׳גיב אַ קוק — 13
עזרא — 14
אָ, פּערז, מיין פּערז — 15
כ׳האָב איינגעטונקט די פּעדער 16
איך זינק, מיין פריינט — 17
עמיץ קוקט אַריין אין מיר — 18
ווי דערגייט מען — 18
אָצינדערט ווייס איך — 19
כ׳האָב געטראָפן היינט — 20
דער דיכטער פּילט זיך — 20
אין די וואַסערן לעבן — 21
צו דעם טרויער — 21
אָ ווי קליין — 22
אין קעשענע האָב איך — 22
מיט האָריזאָנטן — 23
ס׳איז דער נעכטן — 23
כ׳בין אַזוי ווי אַ פאַרשוויגענער 24
די שטאָט איז פאַרשפּוּצן — 24
כ׳שעם מיך צו קוקן — 25
איך לויף — 25
פאַרוואָס איז מיר דאָס האַרץ 26
כ׳וועל זינגען דאָס ליד — 27
אַזוי ווי אַ שפּענדל — 28
זאָל ער מיר מוחל זיין — 28
די נאַטור איז — 29
נאָך אַ טאָג — 30
כ׳בין אָביסל ברוגז — 31
הוירא — 31
כ׳בין אַזוי ווי די פלאַנץ — 32
און אָט בין איך — 33
כ׳וועל זינגען אַ ליד — 34
ניט קיין פרייד — 35
נו, וואָס איז — 36
געבענטשט זאָל זיין — 37
איין וועג איז פאַראַן — 38
ווי אַזוי, אָ ברידער — 39
ווען נישט די קלאַנגען — 40
די שווערסטע שעה — 41
כ׳וועל זיך זעצן אויף מיין שוועל 42
כ׳האָב געזוכט קאָלירן — 43
יעדן טאָג — 44
עס טרעפט — 45
עס זיינען גלייכגילטיק — 46
אַ געוויין אויף מיין — 47
דו דאַרפסט נאָר עפענען — 48
ווי קען מען — 49
שותפים האָב איך — 50
כ׳וועל שרייבן אַ בריוול — 51
קיין מאָרגן איז פאַר מיר — 52
נישט פון אַ טורעם — 53
איוב איז מיין נאָמען — 54
כ׳וועל פאַר קיינעם — 56
פונוואַנען ווייסע זעגלען — 57
אַ ווירבל־ווינט איז — 58
אַראָפּטריפן באַלד וועט — 59
עס איז דאָך נישט — 60
איך אָטעם איין — 61
אַזויפיל שטרייטן — 62
אָ, רעד צו מיר — 63
איך פרעג — 64

עס לאַכט היינט — — — — — 65
אַזוי ווי אַ ברויזיקע — — — 66
אלימלך — — — — — — — 67
אַ דאַנק — — — — — — — 68
וואָס וויל אַ ייד אַזאַ — — — 69
אַזוי ווי אַ פּלאַנץ — — — — — 70
אלישה בן אבויה — — — — — 71
כ׳האָב פאַרלאָרן — — — — — 72
ווער איז ער? — — — — — 73
האָט דאָך קראָפּעווע — — — 74
איך זוך אַ מענטש — — — — 75
די אייגענע טיפן — — — — — 76
כ׳וועל זינגען אַ ליד — — — 77
דעמלט... דעמלט... — — — — — 78
כ׳בין ניט זיכער — — — — — 78
כ׳האָב געזען — — — — — — 79
ס׳איז דורכזיכטיק — — — — — 80
כ׳בין גלייך — — — — — — 81
ווער וועט מיר זאָגן — — — 82
ווי עלנט איז דאָס דיכטערל — 83
און אַלץ איז דאָ אַ שאָטן — 84
אַ שטילער אָוונט — — — — — 85
ס׳איז טרויעריק צו — — — — 87
אַזויפיל זאַכן — — — — — — 88
ס׳איז געווען אַ מענטש — — 89
דער רבי ר׳ מענדעלע — — — 90
און אָט האָט די רויז — — 91
ס׳איז אַנטשלאָפן — — — — — 92
דער מענטש אין קאָסמאָס — — — 93
איך זע ווי עס דרייט זיך — 94
בלויער נאר — — — — — — 95
וואָס איז אומרו? — — — —96
די גאַנצע, גאַנצע וועלט — — 97
כ׳וואָרט נאָך — — — — — — 98
עלעגיע אויפן טויט פון אַ פריינט 99

פריע לידער

די אָרעמס — — — — — — — 103
אין רוים — — — — — — — 104
דאָס ווייסע פערד — — — — — 105
אַ נעפּל — — — — — — — — 106
כ׳האָב אויסגעקנאָטן — — — — 107
וואָלט אַ וואָלקנדל — — — — 108
אין אַן אַלטן פּאַלאַץ — — — — 109
אַ קליין קינד — — — — — — 110
אַ היגל האָט דערפילט — — — 111
די פייגעלעך — — — — — — 112
אמת, אמת — — — — — — — 113
צוימען — — — — — — — — 114
אַ פולער כוס — — — — — — 115
כ׳וועל זאָגן — — — — — — — 116
רויטע בלוטן — — — — — — 117
איך בין יונג — — — — — — 118
כ׳וויל צו דער זון — — — — 119
כ׳וועל אַרונטער — — — — — 120

אַלערליי

דער אַלטער מאַן — — — — 123
משה וויל ניט ווערן קיין — 125
אַלבערט איינשטיין — — — — 127
שאַפען — — — — — — — — 128
דער קרבן — — — — — — — 129
פּאַטאַמאַרגאַנאַ — — — — — 131
דער לויפער — — — — — — — 133
די גרויסע שטילקייט — — — — 137
סערענאַדע — — — — — — — 138
סאָנעט — — — — — — — — 139
יידל מיטן פידל — — — — — 140
לאָמיר הויבן דעם בעכער — 142

לירישער טאָגבוך

א

גיב מיר ווערטער לויכטנדיקע פון אַ נייער שיין,
נישט פון זון דער שטראַליקער און בונטער —
ווערטער איידעלע, ווי קנאָספּן נאָך פאַרבאָרגענע
פון זיין,
ווערטער ווערנדיקע — ניי-באַשאַף, וואָס שמעלצן זיך
אין פורעם..

ב

עס שפּאַנט דער שטאָלצער מאַן
אויף טעפּיך פון דער ערד,
צום הימל שטייגט זיין קאָפּ,
דאָס לעבן קוועלט און יערט.

די פולע רחבות פאַנגט זיין בליק
און ליכט איז דאָ — נאָר ליכט.

דער נעכטן איז אין איצט פאַראַן.
דער מאָרגן איז אין איצט פאַראַן.
די גאָרע אייביקייט און היינט
עס שרייט אַריין.

ג

צווישן ערד און הימל
צווישן אַלע וועגן
צווישן בערג און טאָלן
צווישן ים און מדבר
צווישן גראָז אוןביימער
צווישן טאָג און נאַכט
צווישן זון און שטערן
צווישן אַלע חיות
צווישן אַלע מענטשן
פילנדיק מיין גוף
פילנדיק די אברים
אָטעם איך דאָס לעבן.

ד

ווי משה האָט געשלאָגן אין דעם שטיין
און עס איז אַרויס לעבעדיק וואַסער —
אַזוי שלאָג איך אין מיין פּיין
מיט דער ביטערניש דער גאַנצער,
עס זאָל אַרויס אַ געזאַנג
— אַ לעבעדיק קלאַנג —
ווייל נאָר מיטן ליד
קען איך שטיין אַנטקעגן דעם טאָג
וואָס פאַלט אויף מיר אָן
ווי אַ הונט
האַווקעדיק־ווילד.

ה

ווען כ׳גיב אַ קוק אויף דורכגעמאַכטן וועג:
פֿון ערשטע יאָרן פֿון דער בלאַסער קינדהייט,
ווען פּיצל יינגל פּלאָנטערט ערשטע טעג
ביז היינט — ווען כ׳האָב מיין לעבן שוין פֿאַרזינדיקט —

איז זע איך קלאָר: — פֿאַרפֿאַלן און פֿאַרפֿאַלן!
אומזיסט געגעסן ברויט, געטרונקען שיין!
אַ מערעשקע נאָך ווינציקער פֿון אַלע
ביסטו געווען — די גרויסער מאַן, דו מיין!

ו

ע ז ר א

פון אַלע זאַכן אין דער וועלט,
פון מענטש, פון פלאַנץ, פון ים אין ברויז,
האָט עזרא אָפּגעשפּאָרט אין האַרץ
אַ ליבשאַפט צו אַ וואָלקן בלויז.

דאָס וואָלקנדל, וואָס שווימט פאַרביי,
איז דורכזיכטיק אַזוי און צאַרט.
צו אים זיין בליק אַרויף פאַרוואַרפט
און טרינקט אים אויס אין הייסן גאַר.

ז

אָ, פּערז, מיין פּערז,
פאַרלאָז מיך ניט אין הפקר פון דער וועלט,
מיט אַ ליידיק האַרץ
און אָן מחשבות — דער פאַרשטאַנד!
פאַרלאָז מיך ניט אויף הפקר פון מיין „איך“,
וואָס איז אַן אויסגעשאָקלט זאַנג,
אַ פאַרדאַרטע שטרוי אויף פרעמדן ווינט!
פּערז, מיין פּערז,
פאַרלאָז מיך ניט אין הפקר פון דער וועלט!

ח

כ'האָב איינגעטונקט די פעדער אין מיין האַרץ
און דאָס פּאַפּיר פאַרפליצט מיט שטראָמען פּיין —
די ווערטער — אויסגעוויקטע אין מיין צער,
ווי שווערע טרערן אויף מיין גאַנצן זיין —
זיי האָבן קיין דערלייכטערונג געבראַכט
נאָר ווי און לייד און ביטערניש אָן ענד —
אַזוי האָב איך מיין גרויען טאָג פאַרבראַכט,
אַזוי די נאַכט — ווי צווישן שווערע ווענט.
אָ זאָג מיר, האַרץ, — וואָס קומט נאָך לעצטן פּיין?
צי ליכטיקט נאָך אַ פונק אין דיר, ביים דנאָ?
צי זיינען ווערטער אַנדערע אויך דאָ?

ט

איך זינק, מיין פריינט, אין קליינלעך לעבן,
אין קליינלעך לעבן אָן אַ דנאָ.
אַ טויטע זאַך בין איך. מיין עלנט
כ'דערפיל שוין ניט! אָ ווײ און קלאָג!

כ'גײ אַרומעט איבער גאַסן,
אַ הענדלער כ'בין פון נישטיקייט.
אַ קנעפל בין איך. דאָס אינגאַנצן.
מיין הימל איז אַ שטיקל צייג.

י

עמיך קוקט אַריין אין מיר,
עמיך זעט מיך נאַקעט;
פאָרשט מיין יעדן קער און ריר.
בליקט... און, דוכט זיך, לאַכט ניט.

יא

ווי דערגייט מען, ווי דערגייט מען
צו די סודות פון דער זעל?
צו די ווערטער ווי דערגייט מען,
צו דער שפּראַך — די שטומע קעל?.

יב

אַצינדערט ווייס איך אויך געווים:
אין ביטערניש פון לעבן ז׳אויך דאָ זין —
צו וואָס זיך יאָגן נאָכן בלויען שטערנדל
פון „ווייס איך וואָס"?
אַז אַלע שטיינער זאָגן: דו ביסט דאָ!
און אַז די שוואַרצסטע שעה איז אויך אַ שעה!

יג

כ'האָב געטראָפן היינט אין גאַס
דעם בלאָנדן עפּיקור.
די בלויע אויגן פול מיט זון.

יד

דער דיכטער פילט זיך ווי אַ שטאַם
פעסט באַהאָפטן מיט דעם באָדן.
ער איז אַ טייל פון קאָסמאָס־פּלאַן —
דער ערדענער, דער ערשטער אָדם,
אַ שטילער, שטומער מינעראַל.

טו

אין די וואַסערן לעבן די פיש,
אין די וועלדער — די חיות,
די מענטשן — אין אַלערליי שטעט.

טז

צו דעם טרויער פון דער וועלט
קום איך מיט מיין שווער געמיט —
אַ טונקעלער פלעק אויף אַ טונקעלן פלעק,
זיי ווערן דאָך ניט אויסגעמישט.

יז

אָ ווי קליין,
ווי קליין ווערט די וועלט,
אין אַ פּויסט איינצודריקן.

יח

אין קעשענע האָב איך קליינגעלט
און אין דער נשמה — קליינוועלט
און דאָס איז אַלץ
און דאָס איז אַלץ.

יט

מיט האַריזאָנטן אָנגעזעטיקט,
מיט גופיקייט...
מיט מענטשן.

כ

ס'איז דער נעכטן, ווי אַ שטויב, פאַרקערט,
גאָרנישט איז געבליבן לעבן אין זיכרון.

כא

כ׳בין אַזוי ווי אַ פֿאַרשווינֿענער גלאָק.
אַמאָל האָב איך געקלונגען,
געוויגט זיך אין דער לופֿטן.

כב

די שטאָט איז פֿאַרשפּונען אין גאָלד,
אַ ווינטעלע צערטלט די דעכער,
עס פֿלאַטערט די בלויקייט אַרום
מיט פֿליגלען פֿון דין־דינסטן טעער.

כג

כ'שעם מיך צו קוקן אַליין אין די אויגן
פאַרן אָפּלויף פון טעג אין זינד נישט־געשטויגן,
פאַר שעהן, וואָס זיינען הויל — אָן מחשבה,
פאַרן גאַנצן געלעבן, וואָס פּאַסט נאָר פאַר כלבים.

כד

איך לויף. כ'בין איינער פון המון.
דער וועג — אַספאַלט,
און אָן געדאַנק, און אָן אַ טרוים —
דאָס לעבן שאַלט.

כה

פאַרוואָס איז מיר דאָס האַרץ פאַרקלעמט
און שטאָט דער רווישיקער, און שטאָט אָן ענד?
פאַרוואָס איז מיר דאָס האַרץ פאַרשעמט
און שטאָט דער רווישיקער, און שטאָט פון ווענט?...

כו

כ'וועל זינגען דאָס ליד פון גאָרנישט,
פון די אָפענע אויגן, וואָס זעען — גאָרנישט,
פון די אויערן וואָס הערן — גאָרנישט,
פון אַ האַרץ וואָס פילט — גאָרנישט,
פון אַ וועלט וואָס איז — גאָרנישט,
פון דעם מענטש וואָס איז — גאָרנישט,
גאָרנישט, גאָרנישט, גאָרנישט.

כז

אַזוי ווי אַ שפּענדל אויפן וואַסער,
באַגלייט פון דעם הימל אויבן,
שווימט דורך טייכלעך ביז צום ים,
אַזוי אויך מיין לעבן
דורך טעג און דורך יאָרן
ביז — — — — — — — —

כח

זאָל ער מיר מוחל זיין מיין שבח,
דער מענטש אַזאַ ווי איך.
וואָס איך אַנטלויף פון זיין שאָטן
אָן אַ גוטמאָרגן. גיך. גיך.

כט

די נאַטור איז גלייכגילטיק צו מיר.
די כוואַליעס יאָגן אָן צום ברעג
און לויפֿן זיך אַוועק
ניט־שענקנדיק קיין בליק אויף דעם פֿאַרשווין,
וואָס שטייט און וואַרט אויף מיטגעפֿיל.

ל

נאָך אַ טאָג,
נאָך אַ טאָג,
דער זעלבער אויסגעשריי פון זון —
ווי אַ פייער אין די פעלצן,
כ׳וויקל זיך מיט זיי אַרום.

ל״א

כ׳בין אַביסל ברוגז אויף זיך
פאַר מיין שטאָלצן און פריידיקן גאַנג
אונטער בלויקייט פון הימל
אויף גרינקייט פון פעלד,

ווייל אונטער דעם פאַנצער פון ברוסט
אין אָפּגרונט פון האַרץ
ליגן טרויערן נישט־אויסגעטרויערטע
ליגן פאַרצווייפלונגען שוואַרץ.

ל״ב

ה ו י ר א !

הוירא, הוירא!
וואָס איז ים,
וואָס איז שטורעם
קעגן כוואַליעס פון דאָס האַרץ,
וואָס זיי הויבן זיך
און ברומען?!
הוירא! הוירא!

לג

כ'בין אַזוי ווי די פּלאַנץ,
וואָס שפּראָצט פון דעם פעלדז,
אָן ברידער אַרום
און אָן ערד.

בייטאָג בראָט מיך די זון
און אין די נעכט
קילן מיך די שטערן.

לד

און אָט בין איך געבליבן גלייך צו דיר, אָ בודאַ, הייליקער,
אַ האַרץ גאָר אָן פאַרלאַנגען, אַ מוח אָן געדאַנק —
נאָר מיר איז אומעטיק פון ווערן אַ פאַרשווין
אַ שטייניקער,
אַ לעבן אָן אַ לעבן — ווי אַ טויט געפאַנג.

לה

כ׳וועל זינגען אַ ליד פון ניט טראַכטן, ניט זאָגן,
פון גיין צווישן מענטשן אַ בלינדער, טויב־שטומער,
פון פאַרעלטערטן הימל אַ טויטער אויף האָריזאָנטן,
פון אַ וועלט, וואָס איז אַ ברייטע, אַ קאָסמישע טרונע.

לו

ניט קיין פרייד איז פֿאַראַן אין מיין האַרצן
און אויך ניט קיין טרויער קיין טיפער —
און דאָס וואָס איז דאָ — איז דער מענטש
איינגעשפאַנטער
אין יאָך פון דעם טאָג... נאָר יאָך איז געבליבן.

לז

נו וואָס איז אַז איך גיי
אין זוניקייט אַריין,
אַז ריינער בלוי פון הימל
פאַרפלייצט מיין אויג מיט שיין — ?
נו וואָס איז אַז איך גיי
אין זוניקייט אַריין?

לח

געבענטשט זאָל זיין
די רגע די אַרצטיקע,
די רגע פון שיין...

געבענטשט זאָל זיין
דער וואָלקן דער זוניקער,
דער וואָלקן פון שיין...

לט

אײן װעג איז פֿאַראַן נאָר
און דאָס איז מײן װעג —
אַלײן אין דער שכנות פֿון שטערן.

מיט מײנע אַלע געזאַנגען
מיט מײן פֿרײד, מיט מײן יום־טוב —
אין מײן אײנזאַמער שכנות פֿון שטערן.

מ

ווי אַזוי, אָ ברידער מיינע, ווי אַזוי,
מיט וואָסערן פּאָדים, מיט וואָסערן,
מען בינדט זיך אָן צום לעבן, אוניווערס,
כדי צו פילן זיך אַ טייל פון גרויסן בלוי?...

מא

ווען נישט די קלאַנגען פון דער גאַס
און דער פאַלשער גרוס פון אַ „פריינט",
וואָלט איך אַנטדרימלט מיטן אומעט
אין האַרץ,
ווי אַ ביימל אין גרוי פון דעם האַרבסט.

מב

די שווערסטע שעה איז די וואָס איז צום ליכטסטן.
די רגעס זיינען דורכזיכטיק און גראָ און אָן אַ האַפט —
ווי בענקסטו דאַן נאָך פּיין, נאָך ביטערניש און ליידן
אַז עפּעס טונקלס זאָל אַ שווער טאָן איבער דיר
מיט קראַמפּט.

מג

כ׳וועל זיך זעצן אויף מיין שוועל
דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
ווי אַ מצבה אויף מיין אייגענעם לעבן,
אָנשטאָט לופט וועל איך אָטעמען טרויער
און גליווערן אַזוי אין נעפּל...

מד

כ'האָב געזוכט קאָלירן אין מיין האַרצן,
פעלדער ברייטע, הימלען טיפע
און געפונען האָב איך אַלץ אין שוואַרצן,
שאָטנס איינגעפרעסטע טריבע.

כ'טראָג אין זיך פאַרזונקען אַ מדינה,
ימען גאַנצענע פאַרשאָטן,
זונען אָפּגעלאָשענע צערינען
אין „ליכט" פון פינצטערניש, אין שאָטן.

מה

יעדן טאָג, יעדן טאָג
עס איך ברויט,
יעדן טאָג, יעדן טאָג
טרינק איך וואַסער,
יעדן טאָג, יעדן טאָג
רעד איך רייד
און אומזין פאַרשפּרייט איך
און נאַרישקייט —
יעדן טאָג, יעדן טאָג
צווישן לייט
אַ גייער בין איך
אַ מענטשנישער.

מו

עס טרעפט אַ מענטש פאַרלירט זיין האַרץ,
דאָך לעבט ער נאָך, דאָך לעבט ער נאָך,
די אויגן זיינע זעען אַלץ
דעם ליכט-און שאָטן־שפיל,
דעם אָוונט־שיין,
דעם צאַפּל פון דעם בוים אין ווינט —
עס זעט אַ מענטש אויך אָן אַ האַרץ,
די אויגן פּתּם אַליין אין בילד.

מז

עס זיינען גלייכגילטיק צו מיר די שטערן,
דער ים, דער וואָלקן אויפֿן הימל,
און אויך די מענטשן,
דער טאָג, די נאַכט —
קיינער פֿרעגט זיך אויף מיין גורל.

מח

אַ געווײן אויף מײן טעגלעך ברויט,
אויף מײן טעגלעכער גופיקײט,
אַ געווײן אויף דער מענטשלעכער נאַרישקײט,
קלײנלעכקײט,
אַ געווײן אויף די „גרויסע" פון די מענטשן,
וואָס זײנען קלײן, קלײן, קלענער,
אַ געווײן אויף זיך,
וואָס זוך אַ לינדערונג אין אויפגעשריבענעם שיר,
אַ געווײן אויף דער נאַטור,
אויף איר זוניקײט,
וואָס פאַלט אומזיסט אויף מײן אויג
און עס נעמט איר ניט אויף —
אַ געווײן אויף אַלץ און אַלעמען.

מט

דו דאַרפסט נאָר עפענען דײַנע ליפּן צו אַ שמייכל,
דער שמייכל זאָל אַרײַנוואַקסן טיף אין דײַן וועזן,
ווײַל די טעג פון דײַן צוקונפט ווערן ווייניקער,
באַלד וועט זיך עפענען דער פּיסק פון דער ערד —
שווײַגזשע וועסטו קומען אין לאַנד פון ניט־ווערן
מיט אַ צורה פון טרויער?

ג

ווי קען מען, ווי קען מען
מיט ווערטער דערציילן
פון ביטערניש שאַרפער
וואָס פילט אָן אַ האַרץ?
פון טרויער צעגליטן,
וואָס ברענט אין די ביינער,
פון אומעט פאַרסמטן,
פאַרצווייפלונג און צער?

נא

שותפים האָב איך אין דער וועלט:
אַ זשוקל, וואָס דער ווינט האָט איבערגעקערט,
אַ שפּין, וואָס האָט אַליין פאַרפּלאָנטערט זיך
אין איר געוועב,
דער ים, וואָס שלאָגט די ברעגן אָן
מיט רוגזה און מיט שוים,
די שטערן אויפן הימל אַלע,
אַ בלימל אַ באַשיידנס ביי דער ערד,
אַ פאַרוואונדעטן אַ הונט, וואָס האָט געקרייצט
די גאַס
מיט טרויער אין אויגן אַזויפיל,
מער פון מיר. —
שותפים האָב איך אין דער וועלט.

נב

כ'וועל שרייבן אַ בריוול צו מיינע טויטע פריינט:
העי, איר ברידער, וואָס איר ליגט שוין יאָרן אין דר'ערד!
אָ זאָל אייך ניט באַנג טאָן, וואָס איר זעט ניט די שיין,
וואָס דער הימל פאַר אייך איז איבערגעקערט!
ס'איז גאָרנישט פאַראַן דאָ וואָס זאָל וועקן די פרייד.
די פלאַנץ הויבט זיך אויף אין גרינס און פאַרוועלקט,
און דער מענטש איז — ווי געווען — אַ זאַק מיט רייד,
און אין גלייכגילט פאַרווייען די טעג פון דער וועלט.

נג

קיין מאָרגן איז פאַר מיר נישטאָ.
די צייט — זי האָט זיך אָפּגעשטעלט.
אַ ווילדער היעראָגליף — די וועלט.
און איך אַליין — אַ ווייץ — ניט מער,
אַ בלעזל פון אַן אַלטער טרער.

נד

נישט פֿון אַ טורעם פֿון העלפֿאַנטביין
קוק איך אַראָפּ אויף די טעג,
נאָר פֿון דער פֿוסטקייט דער אייגענער,
זע איך די וועלט ווי זי לעבט.

ווי עס רעגנט מיט ביטערניש אויף אַלעמען,
ווי דער מענטש איז קוים זיך אַ מענטש,
און איך — כ'וועל אַליין זיך ניט שאַנעווען,
בין ניט בעסער ווי עמיצער־ווער.

נה

איוב איז מיין נאָמען,
איוב איז דאָך שיין.
איך שטאַם פון יענעם זאָמען,
פון דעם גרויסן איובן אַליין.

נאָר איך בין ניט קיין צדיק,
ווײַ איז מיר און ווינד!
ניט גאָט איז צו מיר גנאדיק
און ניט דער שטן זוכט
אַזאַ געפינס.

איך בין אַ פּראָסטער זינדער,
אַ שקלאַף ביי זיך אַליין.
נאָר ליידן לייד איך ניט מינדער
פון דעם גרויסן איובן אַליין.

וואָס איז ליידן פרעגט איר?
איך ווייס וואָס ליידן איז!
ס'איז אַ זעג וואָס זעגט דיר
אין האַרץ, אין מאַרך
און האָרכסט אַ יעדן ריס.

אָט דאָס איז, מיינע ברידער,
ליידן אויף דער וועלט;
מיידאַניקס אין די גלידער
ברענען דיר און פרירן
און דאָס איז עפּעס ווערט...

נר

כ׳וועל פאַר קיינעם זיך באַקלאָגן,
אויכעט נישט פאַר זיך אַליין,
אַז איך דאַרף אַריבערטראָגן
ביטערנישן אַלערליי.

כ׳בין קיין צדיק נישט געבאָרן,
אומרעכט האָב איך פיל געטאָן,
כ׳טראָג זיי אַלע אין זיכרון,
איינגעקריצט אין מאַרך ביים דנאָ.

פאַלט די שטראָף אויף מיר פון גורל,
דאַנקבאַר דאַרף איך איר גאָר זיין;
ערשט אין אָנגעזיכט פון גרוילן
קוקט מען זיך אין האַרץ אַריין.

נז

פֿונוואַנען ווייסע זעגלען אין די אויגן?
אַז דו ביסט דאָך פֿון טרויער אויסגעקנאָטן!
צי האָט אַ טרעפֿערן פֿאָרויס דיין גורל
אַנטפּלעקט פֿאַר דיר: „דיין צוקונפֿט וועט געראָטן"? —

און אפֿשר גאָר אַ חלום אַ צעשיינטן
אין ימים זון, אין ליכטיקייט פֿאַרלאָרן,
געזען האָסטו און דו ביסט שוין פֿון היינט-אָן
אַן אַנדערער, אַ ליכטיקער געוואָרן?

— אָ ניין, אָ ניין: — ס'איז מיר פֿאַרבייגעגאַנגען
אַ מענטש היינט מיט אַ פֿריינטלעכן גוטמאָרגן, —
עס האָט מיין האַרץ דעם ריינעם גרוס געפֿאַנגען,
פֿון דעם איז עס די ליכטיקייט געבאָרן.

נח

אַ ווירבל־ווינט איז אין מיין האַרץ,
די ליידנשאַפטן אַלע רוישן.
אָט ווי אַ פעלדז אין מיטן ים
בין איך, פון כוואַליעס בייז געשטויסן.

די פינצטערניש אַרום איז דיק,
ווי איידער ס'איז דער טאָג געבאָרן.
עס טאַנצן רוחות אין מיין ברוסט —
אָ וויי איז מיר! — איך בין פאַרלאָרן.

נט

אַראָפּטריפֿן באַלד וועט די נאַכט דאָ
פֿונעם הימל מיט ראָזעלעכן ציטער.
פֿון שטערן צעשפּילטער געוויטער
וועט וועקן דעם בליק דעם פֿאַרטראַכטן.

עס גליט אַ פֿאַרלאַנג אין מיין האַרצן,
אין אַ קויש כ׳זאָל די שטערן זאַמלען,
ווי גילדערנע עפּל צעפּלאַמטע —
זאָל בלייבן דער הימל אין שוואַרצן!

ס

עס איז דאָך נישט די גאַנצע וועלט די שטאָט.
פאַראַן נאָך פליינען כוואַליעדיקע־מילד,
וואָס לויפן צו ביז נאָענטסטן האָריזאָנט
און קושן זיך מיט הימל אין דער שטיל.

און ביימער רואיקע, אין זיך פאַרטראַכט,
זיך חברן מיט זון און אויך מיט נאַכט.
די שטראַלן און די שטערן רוען אָפּ
אויף צווייגן איידעלע, אויף זייער קאָפּ.

פאַראַן איז נאָך אַ וועלט אַ חוץ דער שטאָט.
נאָר איך בין אומגליקלעך געשיידט פון איר.
איך קען נאָר גאַסן, הייזער שטאָק אויף שטאָק,
און דער אַספאַלט איז, ליידער, אַלץ פאַר מיר.

סא

איך אָטעם איין דאָס לעבן
מיט אַלע פּאָרן פֿון מיין גוף.
געשעענישן, ליידן,
אָ, אַלץ איך נעם דאָך אויף.

אַמאָל איך בין פֿאַרצווייפֿלט
און ס'טרינקט דאָס האַרץ זיך אין פּאַרדרוס;
דער הימל איז אַ כמאַרע,
די ערד — אַ ווילדער קוסט.

אַמאָל איך טו זיך שפּילן
מיט זיך און אויך מיט דעם אַרום,
איך שמייכל צו די ליידן —
ס'איז דיכטונג אומעטום!

סב

אַזױפֿיל שטרײַטן קלײנלעכע
מיט מענטשן פֿון אַרום.
געדאַנקען נאָר געװײנלעכע
פֿון ברױט, פֿון װײַב, פֿון קינד,
פֿון שכן קעציש־פֿרום,
פֿון גראָשנדיקע זינד.

סג

אָ רעד צו מיר, דו שיינע זון!
דו הימלשער לאַמטערן!
פאַרקאָנספּירירט האָט קעגן מיר
דער הימל, אויך די שטערן.

איך האָב אַמאָל די שפּראַך געקענט
פוןביימער און פון גראָזן,
דער שטיין אפילו האָט גערעדט,
און יעדער אויף זיין לשון.

איצט בין איך איינזאַם אין דער וועלט.
עס שווייגן אַלע זאַכן.
די מענטשן לויפן זייער וועג
און מאַכן וואָס זיי מאַכן.

אָ רעד צו מיר, דו שיינע זון!
דערוואַרעם מיט דיין וואָרט מיר!
איך וויל פאַרשטיין די שפּראַך פון ליכט,
דיין שיינענדיקן אָטעם.

סד

איך פרעג: צי איז עס, ברודער מיינער, מעגלעך,
אַז אַ גרויסע פרייד זאָל קומען אויף דער וועלט?
אַז יעדערער אין ברוסט זאָל פילן גלעקלעך
זילבערנע צעקלונגענע, צעהעלט?

די צוקונפט — אָ, ווען איך זאָל קענען עפענען,
מיט די בליקן מיינע בויערן די צייט;
דערזען דאָס גרויסע ליכט און אַ געפלעפטער
(בלייבנדיק אין נויט) — ווי וואָלט איך זיך געפרייט
פון ווייט.

סה

עס לאַכט היינט מיין פרײַנט מיט די טויזנטער וועלן,
אַ הילכיק געלעכטער פון פליין־ברייטער ברוסט;
אין רוים אין דעם בלויען פאַרגייען די עכאָס
פון פריידיקן רויש, פון ימישער לוסט.

אויך איך זיך צעלאַך און מיין אויג זיך צעפּייערט,
ס'איז וווּיל אונטער זון, עס איז וווּיל, אָ ווי וווּיל! —
די ליכטיקע שעה אין מיין האַרצן באַהאַלט איך
פאַר קאַלטע און טונקעלע צייטן פון גרויל.

סו

אַזוי ווי אַ ברויזיקע כוואַליע,
וואָס שלאָגט אָן די פעלדזן מיט קראַפט,
און צעפּיצלט זיך און ווערט פאַרפאַלן —
וויל איך זיין, און פילן די רגע
פון שטורעם און שוים אין זעל
און נאָכדעם — אויף אייביק אַוועקגיין.

סז

א ל י מ ל ך

דער רבי אלימלך האָט געזאָגט:
פון אַלע זאַכן אויף דער וועלט,
וואָס מ'קען נאָר זען אין ליכטיקייט פון טאָג —
האָב איך — גאָרנישט ניט פאַרפעלט.

און אויך פון דעם וואָס זען מ'קען ביינאַכט:
די שטערן איינגעפּאַסט אין רוים,
די ווייטקייט אין אַ טיפער שוואַרצער פּראַכט,
פון שלאָף — דעם פלאָנטערדיקן טרוים,

האָב איך געזען... נאָר איין זאַך בלייבט נאָך אַלץ —
און דאָס איז קינדערלעך, — דער טויט!
און גלייבן גלויב איך, אַז דאָס ביסל זאַלץ
פון לעבן איז ער — זאָל ער זיין געלויבט!

אַ דאַנק!

סח

אַ דאַנק, אַ דאַנק, אָ אויסגעשפּרייטער אַל!
אַ דאַנק פאַר בלויען זייד פון הימל
באַצירט מיט וואָלקנדלעך פון שיין!
אַ דאַנק פאַר ביימעלע צעשטראַלט
ווו זון און שאָטן שפּילן אויס אַ הימן,
אַ ציטער-ליד, באַרירט פון דורכזיכטיקער האַנט
פון ווינט, וואָס שטיפערט ווי אַ יינגל!
אַ דאַנק פאַר זיין אַ שותּף, נייַ, אַ מיטגליד
פון דער וועלט,
אַפילו פאַר די שעהן טרויער, פינצטער פּייַן,
ווען ס'דוכט זיך, דער אַרום זיך בויגט און
פאַלט שיער איין!
אַ דאַנק פאַר אַליך — פאַר דאָס געוועזענע,
פאַר דאָס וואָס וועט נאָך זיין!

סט

וואָס וויל אַ ייד אַזאַ ווי איך?

וואָס וויל אַ ייד אַזאַ ווי איך?
„גוטמאָרגן" זאָגן מענטשן,
אַדורכגיין מיטן מוח אַ געדאַנק
אַן אייגענעם
און אויך אַ פרעמדן
און פרייען זיך מיט אים,
ווי מיט אַ וואָלקנדל
וואָס איילט אַדורך דעם הימל — —
און אויב גאָט וועט געבן
אַ פערז וועט אויפגיין פון מיין פען
צוזאַם מיט ווערטער פיל אויף אָפפאַל,
ווי גאָלד אַ קערנדל אין בערגער זאַמדן, —
איז האָב איך שוין דערגרייכט מיין טאָג,
מיין שטיללעבן אין גליק
און דאַנקען וועל איך אים דערפאַר.

ע

אַזוי ווי אַ פלאַנץ פון דער ערד,
וואָס פלאַטערט אַריין אין דער לופט —
האָט זיך אָפּגעטיילט פון מיין גוף
די נשמה — און זי שטייגט אין דער ספער.

זי האָט ניט קיין היינט און קיין נעכטן,
קיין פלאַץ, וואָס מען רופט אָנעט — היים.
און ניט קיין געפיל פאַר גערעכטן.
קיין וויסן פון זיך אַליין.

און צו גאָרנישט שטרעבט מיין נשמה.
זי איז שוין ניט מיין — אָ ניין!
ווי דער „גייסט פון גאָט” — אָן אַ נאָמען,
זי שוועבט בראשיתדיק און ריין.

עא

אלישע בן אבויה

אלישע בן אבויה האָט געזען
אַן אויפשריפט אויף זיין האַרץ,
אַז גאָט דער איינציקער — איז אַ פּאַרזען,
אַז הפקר הערשט גאָר אין דעם גאַנצן אַל;
דער מענטש איז אויפגעקומען פון אַ שלאַנג,
און די שלאַנג — פון אַ מושל פון דעם ים.

ס'איז נישטאָ פאַר וועמען און פאַרוואָס
קרבנות ברענגען, תפילה אויך צו טאָן —
ווי ס'פאַלט אַ שנייעלע אין פעלד
אַזוי דער מענטש — אין צופעליקער וועלט.

עב

כ'האָב פאַרלאָרן אויף די וועגן פון דער וועלט —
די וועלט,
די נאַטור און די מחשבה — אַלץ האָט זיך פאַר מיר
אויף שטויב צעריבן...
אַ פראָצעס פון „ווערן אויס", אַ בראשית אומגעקערט,
האָט אַלץ פאַרוועלקט:
„אויס" מיט גאָט, „אויס" מיט לעבן — אויס און אויס —
גאָרנישט איז געבליבן!

עג

ווער איז ער — דער וואָס גייט איבער די גאַסן,
דעם קאָפּ געהויבן, ווי ער זאָל זיין אַ גאָט,
און אין די אויגן — אַ פרעמדער אַזאַ בליאַסקען,
ווי גאָר דער וועלט וואָלט ער געהאַט אויף שפּאָט?...

ווער איז ער — דער וואָס גייט איבער די גאַסן
אַדורך דעם מענטש-המון, ווי דורך דער לופט
און פריי איז ער — ווי אַ שטורמיש וואַסער
און זיכער אין זיין איינציקייט־באַרוף?

דאָס איז דאָך ער! — דער אויסגעטרוימטער דיכטער
וואָס יעדער בליק האָט אים אַמאָל געפּענט...
אַצינדערט איז ער האַרט און ביטער-ניכטער —
ער האָט דאָס ציטערן פון האַרץ — אין ווייַ פאַרברענט.

עד

האָט דאָך קראָפּעווע אויכעט אַ בליאונג,
און דאָס אָפּפאַל באַפרוכפּערט די ערד —
נאָר איך איינער בין איבעריק געבליבן
און מיין לעבן איז גאָרנישט־ניט ווערט.

כ׳וואָלט מיין ווייטיק געשריען איבער גאַסן —
איז מיין שטים פאַר יעדערן פרעמד.
ניט דערהערן וועט קיינער דאָס פּלאַצן
פון אַ האַרץ, וואָס איז קראַנק, און פאַרשעמט.

עה

איך זוך אַרום אַ מענטש אַן ענלעכן צו זיך
און קען אים ניט געפינען.
אין „פלעשל פון דער שטאָט", אין מוטנעם ליכט,
ער איז נישטאָ דאָרט דרינען.

און איבער אַלע דאַכן, ווי אויף שאַגאַלס אַ בילד,
איך זוך אים צווישן וואָלקנס —
צי שוועבט ער אין דער לופטן, אין בלויקייט
איינגעהילט?

איך טרעף אים אויך ניט דאָרטן.

איז ווו איז ער דער מענטש, וואָס איז דאָך — איך אַליין,
כ'וויל זאָגן אים „גוטמאָרגן"! —
נישטאָ ער צווישן מענטשן, נישטאָ אין הימל-פליין —
אין ליידיקייט פאַרבאָרגן!...

ע

די אייגענע טיפן — ווער קען?
די זון אין דעם קאָסמאָס פון האַרץ?
אַן אויפברויז אין נעפל פון זעל,
און פון ליכט שלאָגט אַרוים אַ קוואַל.

אַזוי ווי אַ בוים פאַרוויאַנעט און וויסט,
וואָלט פלוצים צעבליט זיך מיט שיין —
אַזוי איז מיט מיר — אַ מענטש טריב און מיד,
דערפילט אַז דאָס בלוט שפילט ווי ווייַן.

כ'וועל זינגען אַ ליד פֿון געזעגן,
אַ שיר וועגן מיין לעצטן בליק,
וואָס פֿאַלט אויף די טאָלן און וועגן
און בלייבט דאָרט און קומט ניט צוריק.

פֿון שפּיץ פֿון דער בלויער אילוזיע,
פֿון דעם מידן „גאָרנישט־דערגרייכט",
דאָס לעצטע ליד — הללויה,
מיין לעצטער בליק פֿון דער הויך.

אָ, אייביקע טאָלן און וועגן,
דעם שפּור פֿון מיין בליק פֿאַרהיט,
מיין אָרעמער בליק — מיין פֿאַרמעגן,
וואָס איך האָב געלאָזט — מיין ליד.

איך טראָג ניט אין האַרצן קיין רוגז
פֿון דאַרפֿן אַוועקגיין, שוין צייט,
איך זע די לופֿטן זיך בויגן,
ווי פֿענער אויף האַלבן צווייג.

געבענטשט זאָלן זיין די וואָס קומען,
געבענטשט זייערע ליידן אויך —
דאָס לעצטע ליד טו איך ברומען,
מיין לעצטער בליק פֿון דער הויך.

עח

דעמלט... דעמלט... זינקנדיק אין אָפּגרונט פון
פאַרצווייפלונג —
ביסטו געקומען, שוועסטערל, מיט שיינענדיקע גלידער —
פולע הויפנס צאַרטקייט האָט דיין גוף צעשפּרייט
און דיין שמייכל
האָט צעשניטן, ווי אַ ליכט-מעסער, דעם טרויער פון
מיין לעבן און איך בין אויפגעקומען ווידער.

עט

כ'בין ניט זיכער מיט דיין פריינטשאַפט.
שפּינוועבס זיינען אַלע ווערטער דיינע,
ווערטער אויסגעבלאָזענע אין לופטן,
לצים-ווערטער, נישט קיין האַרצן-רופן.

פּ

כ'האָב געזען די האָרנפּלאַניק,
ווי זי בליט!
אַ צינגלדיקער פלאַם — די בלום,
פון איר זיך ציט.

און אַ מחשבה אויפגעוועקט
האָט זיך אין מיר:
צי ווייסט זי — אַז זי לעבט,
צי פילט זי, שפּירט?

צי אינדיווידואַליטעט
פאַרמאָגט, ווי איך?
אָדער נאָר עס לעבט
אין איר דער מין?

פא

ס'איז דורכזיכטיק מיין וועלט געוואָרן,
אין גאַנצן אָן אַ האַפט.
דער בוים איז, שוין קיין בוים ניט מער
און יעדע זאַך
פאַרלוירן האָט
די וואָג, די קראַפט.

און איך — דער מענטש,
אַ שאָטן פון אַ שאָטן —
בין אָן געשטאַלט,
אַ ליידיקייט אין ליידיקייט —
אַ בראשית פאַר אַ נייעם גאָט.

פב

כ'בין גלייך — אַ ברידער מיינע — הערט!
צו גרויער מויז, וואָס קריכט אַרום אין שטאָט,
און אַלע מיינע פריינט — ניט נעמט עס שווער —
צו מייז געגליכן זיינען, גאָר אָן שפּאָט.

מיר ווימלען איבער גאַסן — אַ געוויין,
מיט ציינדעלעך צו גריזשען, אָנגעשאַרפט,
און וואַרפן זיך אויף מיסטן-אָנגעהויף:
ס'איז מיינס, ס'איז מיינס — איך בין אַליין דאָ האַר!

און נישט פון נעכטן איז דער פיר אַזאַ,
פון אייביק איז די גרויע מויזן־קייט,
פון בראשית אָן, פון ערשטן טאָג-באַשאַף, —
ביז וויטסטער צוקונפט וועלן מיר באַשטיין!

פג

ווער וועט מיר זאָגן אַ וואָרט,
ווער וועט אַנטפּלעקן אַ זאַך,
וואָס איך האָב ניט געהערט,
וואָס איך האָב ניט געדאַכט?

נישטאָ קיין סוד אין אַרום,
נישטאָ אויך קיין הונגער צו אים,
ס'איז דאָ בלויז דער טאָג און די זון —
אַן אַלטע ליכט־מאַשין.

פד

ווי עלנט איז דאָס דיכטערל, ווי עלנט!
דאָס קוועלכעלע אין האַרצן איז פאַרשאָטן
מיט גרוז פון טאָג — פאַרשאָטן און פאַרשטעלט.
אַ ברעטל — אַ מצבה — „פה באַגראָבן
די לירע, וואָס פון טרויער האָט געשפּילט,
געזאַנגען אמתע פון טיף — געוויינען,
דעם לעצטן שאָלעכץ פון דעם מענטש אַנטהילט,
ביז די נשמה ט׳אויפגעטויכט אַ ריינע...״ —

פה

...און אַלץ איז דאָ אַ שאָטן פון אַ שאָטן,
דער בוים אַזוי, דער מענטש —
און איך — אין ברעג פון גליווערדיקן אָטעם,
בין גאָלע אויג, וואָס זעט.

איך זע דעם אויסגעמיש פון אַלע זאַכן,
דעם פינטעז פון דעם טויט...
דערפרייט עס מיר מיין אָרעם האַרץ ביז לאַכן — — —
און איך האָב דאָך געמיינט,
אַז נאָר דאָס לעבן איז אַזוי...

פו

אַ שטילער אָוונט האָט אַראָפּגעלאָזט זיך אויף דער ערד.
עס זיצט אַ מענטש ביים טיש פאַרטאָן אין זיך
און קלערט:
צי האָט ער נאָך צו טאָן, ער פרעגט, צי נישט, דאָ אויף
דער וועלט? —
אַזוי אין רו אַ מענטש אַ פראַגע ט'זיך געשטעלט.

און שטימען פון זיין ברוסט, ווי ענטפערס, קומען אָן
אַ פּאָר:
נו, יאָ — אַ מענטש אין אוניווערס — ס'איז
אומהיימלעך און גאָר!
ווייל צווישן זונען גליאיקע און שוואַרצע סאַטעליטן
ביסטו, מיין פריינט, — צי איז עס נישט קיין
שפּאַס? — אין מיטן!

ס'איז בעסער גאָר נישט זיין, ווי זיין אַ ווייץ אין
גרויסע ספערן —
געזאָגט האָט אים איין שטים. אַ צווייטע לאָזט זיך הערן:
מיין פריינט, צו פילן בלויז דאָס לעבן, איז אַ פאַרגעניגן,
ווי קוואַלן וואָלטן ריזלען אין דיין גוף אַ ניגון

אַ לויטערן, וואָס מ'קען גאָרנישט פאַרגלייכן מיט
קיין זאַך,
וואָס איז פאַראַנען אונטער בלויען הימל-דאַך. —
אַזוי ט'געזאָגט די צווייטע שטים. דער מענטש דאָך
ווייטער טראַכט:
ס'וואָלט גוט געווען, ווען ס'וואָלט קיין פיין זיך נישט
געמאַכט.

פז

ס'איז טרויעריק צו זיין אַ מענטש,
צו זיין אַ מענטש איז טרויעריק!
ער וויל די וועלט אַריינציען אין זיך,
דאָס ברויט, דאָס גאָלד און אַלץ נאָר וואָס מ'קען
און גאָרנישט-ניט אַרויסגעבן צוריק;
ביז ס'קומט דער לעצטער טאָג,
עס פאַלט זיין גוף אַוועק
און ס'לעבן רינט אַרויס פון זיינע אויגן-לעכער
און בלייבן בלייבט ער פוסט, אַ מת —
— ווו איז דאָס אָנגערויבטע גוטס?
אפילו די אייגענע די ביינער
גיט ער אָפּ צו לעצט.

פח

אַזויפיל זאַכן אויף דער וועלט:
מינעראַלן, בערג פון שטיינער,
טויטע וואָרצלען פון די ביימער,
און דו — דער דיכטער — פון זיי ביסט איינער.
אויך דו האָסט רעכט צו זיין אַ דומם,
אין צעום שטאַלט — אַ טויטער גולם.

פּט

ס'איז געווען אַ מענטש,
איז ער מיר פאַרשטאָרבן —
היינט איז ער אַ וואָלקן אויפן הימל,
היינט איז ער דער ערשטער שטערן אין דעם אָוונט —
ס'איז געווען אַ מענטש,
איז ער מיר פאַרשטאָרבן.

לידער האָט דער מענטש געזונגען,
פון זיין האַרץ אַרויס דעם פיין-געשריי —
היינט איז ער אַ וואָלקן אויפן הימל,
היינט איז ער דער ערשטער שטערן אין דעם אָוונט.

צ

דער רבי ר' מענדעלע

דער רבי ר' מענדעלע
האָט פרייטיק-צונאַכטס, נאָך קידוש,
זיך צעוויינט, ווי אַ קינד, מיט טרערן,
אויף דער וועלט, וואָס איז כולו גשמיות,
גשמיות און גשמיות אומעטום
און ס'איז נישטאָ גאָר קיין רוח-חיים;
אַוווּ עס פאַלט נאָר דער בליק,
איז עס פול מיט ממשות,
ליים און שטיין און גופיקייט האַרבע...

צא

...און אָט האָט די רויז זיך צעעפנט,
צום ערשטן מאָל האָט די פלאַנץ געבליט,
די לופטן פאַרשמעקט מיט איר דופט.

און אָט האָט דער ערדענער אָדם
צום ערשטן מאָל זיך אויפגעשטעלט,
דעם הימל מיטן קאָפּ געפרווט...

צב

ס'איז אַנטשלאָפן געוואָרן דאָס טייכל
צווישן טויטע פאַרוועלקטע ברעגן —
דער שטראָם איז פאַרגליווערט געוואָרן.

אַ וואָלקן, ווי אַ שפּין, פון די הייכן,
האָט צעשפּרייט זיין מוטנעם געלעגער
אויף אים... און פאַרגליווערט געוואָרן.

צג

דער מענטש אין קאָסמאָס

און אַט בין איך אַ נײַ באַשעפעניש געװאָרן,
אַ קרעאַטור פון לעבן-טויט צוזאַמען,
און אַלט בין איך ניט מער װי נול-נול יאָרן
און קײנמאָל האָב איך ניט געהאַט קײן מאַמען.

פון זיך אַלײן, פון לײדן-טראַכט בין איך געבאָרן,
די װעלט אַרום איז בלױז אַ שװאַרצער שלײער,
װאָס שװעבט אין אַלע זײַטן — הפקרדיק־פאַרלאָרן —
מיט מײַן געװײן אַלס אײנציקן באַגלײטער.

עס איז אַ שװאַרצער פאַקל מײַן געװײן אין קאָסמאָס,
אַ פײַן-געשרײ צעמעסערט אַלע רוימען
אין אײביקײט פון שטומען דױער. דעם פאַראָסטן —
מײַן לעבן־טויט געװאָי, מײַן שרעק און טרױער.

צד

איך זע ווי עס דרייט זיך דער ווייזער
אויף ציפערבלאַט פוסטן,
און גאָרנישט באַווייזט ער,
נאָר לײדיקע לופטן.

דער ווייזער דער ווילדער
דאָס בין איך דאָך אַליין,
איך דריי מיך, איך דריי מיך,
און גאָרנישט פאַרשטיי.

צה

בלויער נאר

כ'גיי אַרום פֿאַרקויפֿן
די לידלעך פֿון מיין האַרץ:
פֿון פֿיין — אַ פֿערזן-הויפֿן,
אַ טראָפּן פֿרייד,
אַ שטראָם פֿון צער,
אַ וואָלקנדל פֿון הימל,
אַ שטערן פֿון דער נאַכט —
אָ מענטשן,
גוטע מענטשן,
קויפֿט אַ לידל
פֿון דעם בלויען נאַר.

צו

— וואָס איז אומרו? —
ניט קיין נעכטן,
ניט קיין מאָרגן
אוּן פאַרשווונדן
אַלע אָנהויבס,
אַלע סופן —
בלויז די כוואַליעס
אין נשמה
שלאָגן, שלאָגן.

צז

די גאַנצע, גאַנצע וועלט
כ'האָב אָנגעהאָנגען
אין מיין נייער ליבע —
צעאַקערט איז פון איר מיין זעל
און אומרו שפּראָצט
און אומרו קוועלט
און ס'ברענען מיינע אַלע גלידער.

צח

כ'וואַרט נאָך,
כ'וואַרט נאָך
אויף דיין קומען
מיט דיין שוואַרצקייט
אין די אויגן,
מיט דיין שטילן
אומעט.

מענטשן זאָגן
איך בין נאַריש
מיט מיין גלויבן
אין אַ שמייכל —
— — — — — —
ס'העלן שטענדיק
נייע שטעכערס
וואַקסן
אויף דיין
אַלטן ווייטיק.

צט

עלעגיע אויפן טויט פון אַ פריינט

די ברידער מיינע פון דעם דור,
פון זעלבע שטעטעלעך און שטעט, וואָס איך —
די שיין פון וועלט, אין זעלבן יאָר
דערזען. און דאָך — זיי זיינען שוין נישט הי...

צעלייגט זיך אין די קברים, יאָ!
און דוכט זיך — מיט אַ שמייכל אויפן מויל —
געווען, געווען און שוין נישטאָ,
געבליבן איז נאָך זיי אַ הויפן הויל.

געפירט אַ חשבון מיט דער וועלט,
געפרעגט: — דער טאָג וואָס איז, די נאַכט, דער רוים? —
און היינט? — ס'האָט אַלץ זיך איינגעשטעלט,
דער פרעגער ליגט אין דר'ערד און אים איז גרוים.

און איך — דערווייל אויף אויבערפלאַך,
נאָך ריר איך אָן דעם הימל מיט מיין קאָפּ —
דאָס האַרץ אין ברוסט — איז הייסט עס — וואַך,
און כ'פיל דעם גאָרנישט בולט — שיער נישט גראָב.

פריע לידער

א

די אָרעמס אויסגעשטרעקט:
— איך דאַנק דיר,
גליענדיקער רוים!

ווידער בליקן מײַנע אויגן אָן
מיט יונגער
ערשט־געבוירנקייט.

און לויפט איז דין,
און גײַענדיקער ווינט איז לײַכט,
דריק איך מײַנע ליפּן צו
אין אומגעזעענעם קוש.

ב

אין רוים,
אין העלער זוניקייט,
זיך דרייט
אַ טונקעלער פּלאַנעט.

ליג איך אויף מיין בעטל,
וויל איך ניט קיין טרונק
און ניט צו סטרונע-קלאַנג
ציען מיינע פינגער.

— דריי זיך ערדעניו,
— דריי זיך, מאַמעלע!
שטעק איך מיינע אויגן איין
אין פוסטן, העלן רוים.

מיליאָנען יאָרן
וועלן ווי אַ זמד-ווינטל
צעפּאליען מיינע וויעס —
איך וועל זען: רוים, רוים.

ג.

דאָס ווייסע פערד
מיט אויפגעשוימטער גריוו,
איז היינט
מיין פריינט.

לייב צו לייב,
צוויי ריטער
אין שווינדלדיקער צייט,
דער וועלטן-אָטעם טרייבט.

און אָט
דער ערד-טייך
איז צו ענד —
— איז רייט אין רוים אַריין!

ד

אַ נעפּל האָט פון הימל
אויף דער ערד
אַראָפּגעלאָזט זיך.

זיינען מיינע אויגן — העל,
זע איך:
גרויע פינצטערניש.

בעט איך צו דעם נעפּל:
— נעפּל,
מאַך מיך בלינד!

האָט ער מיך דערהערט
און מיין אויג
מיר הויל געמאַכט.

בין איך אויף דער ערד,
ווי אַ זעמדל
און ווי גראָז.

ה

כ'האָב אויסגעקנאָטן
פון דעם ליים
אַ מאַן.

אָנגעשפּאַרט אים
אָן דער וואַנט
און פאַרשוואָרן
ער זאָל אויף לעבן וואַרטן.

אַז דער הימל
זאָל אין אויגן-לעכער
שפּיגלען זיך,
ווי אין אַ טייכל.

ו

וואָלט אַ וואָלקנדל געשוווּמען,
וואָלט איך אפשר
אים באַמערקט.

וואָלט אַ פליט־געהויל
פאַרגאַנגען זיך,
וואָלט איך אפשר דערהערט.

וואָלט עמיצער
געפייניקט זיך,
וואָלט, אפשר, איך, דערפילט.

נאָר מיין אייגענעם געמיט
פאַנגען קען איך ניט.

ז

אין אַן אַלטן פּאַלאַץ
האָט אַ קאָלומנע זיך אײַנגעבראָכן.

דינגט מען מיך
כ׳זאָל אַ לעבעדיקער זײַל זײַן.

און מיטן קאָפּ
כ׳זאָל אונטערשפּאַרן דעם קאַרניז.

שטײ איך שוין
אַ יאָר
מיט אַ מויער
אויפן קאָפּ.

ח

אַ קליין קינד,
ווי אַ וועוורׅיקל אַ יונגס,
כ׳פיר
פאַר דער האַנט.

— זעסט עופעלע!
דאָס זון־פעלדעלע
איז ווי אַ געלעכטערל
אַ לויטערדיקס.

און דאָס וועלדעלע
איז אַ וועגטעלע
אַ גרינס, ס׳זאָל דעם געלעכטערל
ניט איינזאַם זיין.

ט

אַ היגל האָט דערפילט
זיין אייגענעם מאַסיוו —
ווי שווער עס איז
דער טונקעלער גראַניט!

און פון ערשטן משפט
איז באַשטימט —
אַ לעבן־לאַנג
אַ שווערער שטיין צו זיין.

וואָלט ער — גן־עדן אָפּגעגעבן
פאַרן ווערן אויף אַ רגע
אַ שטיקל בלויע לופט.

י

די פייגעלעך סוויסטשערן,
בייזערן זיך
און ליבן זיך.

ווי עס וואָלט די וועלט געווען
אַ פויגל־נעסט
און אָן אַן אַנדער זין.

אַזוי ווי איך,
וואָס גלויב,
אַז מיט דעם לעצטן
וויי־שלים,

וועט טאָג און נאַכט
פאַרמישן זיך,
ווי אין שעה פון פאַר־בראשית.

יא

אמת, אמת,
כ׳וויל ליכט און זון זאָל זיין.

אַלע מיינע, אַלע
זאָלן בלענדנדיקע גופים
אויסצירן מיט שמייכלען.

וועט אַזאַ
ווי איך
ניט ווערן מער געבאָרן.

ווען איך אַ דערמאָנונג זיין
פון קרומע
ערדענע יאָרן.

יב

צוימען
אין דורכזיכטיקן רוים.

זיי היטן מיר
מיין וואַקלדיקן גאַנג,
איך זאָל ניט
ערגעץ זיך פאַרפּלאָנטערן
אין פּוסטן הימל-לאַנד.

אָך!
מיין אָטעם וואָלט געווען
אַ בלויע סטענגע,
און מיין גוף — אַ רויך,
ווי הויך וואָלט איך געשטיגן.
ווי דער אָדלער נאָכן פליש
אין אַ מעשהלע אַ גרוים.

יג

אַ פולער כוס
מיט שוואַרצער ביטערניש,
ווי אַ שטיקל נאַכט
וואָלט דאָרט אַרומגעשוווּמען.

טרינק איך ביזן סוף,
טרינק אויס
דאָס ביסל נאַכט
דאָס צעשטויסענע.

און... שיכּור ווערט
דער טיש.
ניט איך —
דער קרענקלעך־ניכטערער.

יד

כ׳וועל זאָגן צו דעם שטראָם:
— בייסנדיקער היצקאָפּ,
זײַ אַ מאַן!

— און איצט,
און איצט
לויב מיך
מיט אַ פולן עמער לויב.

— מײַנע קרומע דרכים —
זאָג, — זײַ זײַנען גלײַך!
זײַ זײַנען גלײַכער
פון דעם גלײַכסטן גאָטס באַשאַף.

טו

רויטע בלוטן האָב איך
און אַ בלייכן לייב,
אַ שטיקל קאָרן-פעלד
און אַ קריגל וואַסער.

מאָל איך מיר מיין מעל,
טרינק איך מיר מיין וואַסער,
קוק מיר אויפן הימל
ווי אין אַ פוסטער שויב.

טז

איך בין יונג
און מיין וועלט
איז געבוירן
מיט מיר אין איין שעה.

פון אַלע מיינע דורשטן
דורשטיקער איז
מיין אויג.

און איך גלויב
די יונגע וועלט
פוצט זיך פאַר מיר
ווי אַ מויד.

אָבער
דער זיידע מיינער
קען איר שויך, דער מויד.
טויזנט זיידעס —
זאָגט ער —
האָבן זיך געוואַלגערט
אין איר שויס.

יז

כ'וויל צו דער זון!
און אַ לייטער
פון אמתן האָלץ
ביז גליאיקן זון־ים
דערגרייכט.

און איך בין
אויף הונדערטסטן שטאַפּל.

לאַכט מיר אין פּנים
די ערד:
— נאַר, נאַר,
נאַרעלע!

שמייכל איך:
— אַז עפּעס ווילט זיך מיר
ערגעץ־ווו
אַרויפקלעטערן.

יח

כ'וועל אָרונטער
אין דער קוילן-שאַכט.

ביים שוואַרצן שטיין
מיטן רוקן שטעלן זיך
און אויסמאָלן פאַר זיך
אַ נאַכט.

אַ גלאַנציק-פּעטע,
ווי אַ טינט טייכל
אין אָרעם פון
אַ גרויסער פינצטערניש.

וועט אַ העקער גיין
צו מי, צו בראָך.
וועט ער שפּאַלטן מיך
אין שטיקעלעך.

וועל איך אויפפינקלען
פאַר גאָר אַ גרויסער וועלט.

אלערליי

א

דער אַלטער מאַן

דער אַלטער מאַן, דער אַלטער מאַן,
אַ לעבן־לאַנג איז ער געגאַן
נאָך שפּור פון זיין באַליבטן פאָלק
דורך וועג פון די יאָרטויזנטער. —
אַמאָל געוואַרט אין גרינעם טאָל
פון ניל, אַמאָל געקלעטערט שווער
אויף בערג די פעלדזיקע פון דעם פּלאַנעט,
אין לענדער פיל פרעמד־שפּראַכיקע געטרעט.

געפּאָרשט די דורות פון דעם ייד:
אַ פאָלק אין לעבן איינגעשמידט!
דורך שווערדן גייט ער דורך און בלייבט,
געברענט אין פייער און — איז דאָ!
און דאָס געדעכעניש פאַרשרייבט
דער אַלטער מאַן, דער גרייז דובנאָוו.
עס וואַקסט אַ בוים אויס — פול איז ער מיט בלעטער,
און לעבן קוועלט פון אים פאַר וויטן שפּעטער.

ס'איז אַלט דער מאַן, זיין טאָג זיך נויגט
צום אונטערגיין אין שטראָם פון צייט.
מיט מילדן שמייכל, צאַרטן בויג,
וואָלט ער געזעגנט דורות ווייט,
ווען ס'וואָלט דער שונא ניט זיין בליי
אַריינגעשליידערט אין דעם לייב
פון גרייזן מאַן, באַגלייך אין לייב פון פאָלק
און לעצטן שמייכל זיינס — מיט בלוט באַמאָלט.

ב

משה וויל ניט ווערן קיין פירער

— וואָס בין איך, איך זאָל ווערן ביי דעם פאָלק אַ פירער?
עס שטאַמלען מיינע ליפּן און וואַקלדיק איז אויך
מיין האַרץ.
וואָס ווייסט דער מענטש, דער איינציקער, פון מיינע
ברידער,
ווי בייז איך בין, ווי האַרב, ווי האַרט!

ווען די מחשבות לויפן־אָן אין מוח מיינעם —
אַ ווירבל־ווינט פון אַלע זייטן וועלט — ווי בין איך שוואַך
צו צוימען זיי, — וואָס ווייסט דער מענטש פון
מיינע פיינען
ווען מיין וואָרט ווערט אויסגעלאַכט?

דערפאַר (פאַרשטייי!) צו פריי בין איך מיט מיינע אָרעמס.
מיין האַנט אין אָנגעגליטער רגע איז אַ גרויס געפאַר.
ווי שוועבל ציט צום פייער — אָ, ברידער — זייט
געוואָרנט —
אַזוי מיין האַנט — צום שווערדן-שאַרף.

און נאָך — אָט הערט: איך בין אַ מענטש פון זינד,
פון תאווה.
די פרוי איז פאַר מיין לעבן, ווי ברויט — ווי ברויט
פאַר מיינע ציין.
מיין ליבשאַפט איז — אַ פייערבאַרג, וואָס פליייצט
מיט לאַווע
און גליאיק שטיין איז מיין געביין.

ניט הויבט מיך אויף, ניט מיך! — אַלס פירער
איבער מענטשן.
אין האַרץ ביי מיר שלאָגט צופיל בלוט — פאַרנעמט
עס ברידער גוט!
מיין שטאַרקע האַנט כ'וועל ווי אַ כמאַרע איבער
אייך פאַרמעסטן.
מיין בליק פאַר אייך — אַ פייער־רוט — — — — — — — — — —

האָט דאָס פאָלק געהערט די שטורעם־רייד פון משהן
און האָט אין פאַרכטיקייט זיי איינגעזאַפט, ווי שוים,
אין זעל!
— ווי שווער עס איז דיין האַנט — איז זי אַ וואָג
פון יושר —
אָ, ברודער אונדזערער, אָ, העלד! —

ג

אַלבערט איינשטיין

ס'איז מיד, גאָר מיד, דער אַלטער אַלבערט איינשטיין.
דער ווייסער קאָפּ צעפּאַטלט און צעשטורעמט.
אין מילדע אויגן אָפּגרונט-טיפער פּיין איז.
אין פּנים קנייטשן, פון דער צייט געפורעמט.

אַ לעבנלאַנג האָט ער מיט אָדלער־גבורה
די רוימען אויפגעשניטן צו באַווייזן
דעם גאַנג פון ליכט, פון צייט אין שטח-שפּורן
און אויפגעבונדן עלעקטראָנען־קרייזן...

דעם אָטעם — אַטאָם — זעל פון יעדער זאַך
באַפרייט פון אייביקער געפּענקעניש,
נאָר זיך אַליין פאַרצוימט אין ווי פון מענטש...

דער שטן (ער איז דאָ!) האָט זיך צעלאַכט
פון ד"ר איינשטיין און זיין סוד־געפינס
און ס'האַרץ ביי אים פאַרצווייפלט און פאַרשעמט.

ד

שאָפּען

דאָס פּובליקום איז גרייט.
אָפן איז די פּיאַנע.
און אָט איז אויך דער מייסטער דאָ.
פאַרבויגט זיך.
זיינע הענט:
צוויי סטייעס יאָגנדיקע הירשן
אין געלאָף-ווירוואַר —
און קולות קומען־אויף פון דעם אינסטרומענט:
אַ געוויין פון קראַנקער זעל:
פאַרלוירן אַלע גלויבונגען.
די האָפענונג באַגראָבן אין אַ קלאַנג. —
אין „קרעסטשענדאָ" — רעדט ער פון זיין רום.
אין „לענטאָ" פירט ער אים צום קבר.
און אויך די וועלט — די זון, די שטערן
אין אַ „רעקוויעם" ביי אים פאַרגייען — — — —
די לויפנדיקע הירשן ווערן מיד,
זיי טרעטן אויף די קלאַווישן אין רו.
דאָס האָט דער קינסטלער אָנגערירט זיין וויי,
וואָס איז ווי דער עמבריאָן פון לעבן —
אייביק.

ה

דער קרבן

ווער בין איך איך זאָל זינגען וועגן ווילנע,
דער שטאָט פון פיל פאָלק און פון דורות
געקייטלטע אין ניט קיין גאָלדענע רינגען,
נאָר אין לעבנס־אָטעם — טיפן דויער?

צי האָט דער גורל אויסגעשלאָגן
אין טיפקייט פון די ווייטע רוימען,
אַז אין דער שטאָט דער אייביקער זאָל מער ניט טאָגן,
אַז דער טויט זאָל אירע געסעלעך פאַרצוימען?

צי מעג מען זינגען וועגן ווילדן צאַפּל
פון מענטשלעכן שיגעון אין אַ שווערער שעה?
דער שונא האָט גענאַרט — דו זאָלסט דיין האַרץ
פאַראַטן,
און דו האָסט אים געהאָרכט — און זיך אַליין פאַרשפּאָט.

די שעהן — שוואַרצע קראָען — רוקן זיך אין שטילקייט.
ס'האָט קיינער איצקען גאָרנישט ניט געזאָגט.
נאָר ווי אַ שווער געוויכט געפאַלן איז דער ווילן
פון דער שטאָט: „דער קרבן זיי אין אונדזער פּלאָג!".

און איציק איז אַוועק צו דער עקידה,
קיין מלאך האָט פון הימל ניט גערופן...
דערנאָך איז אויך אברהם אַרויף אויף דעם מזבח — — — —
דער זשאר פון זייערע גופים שוועבט נאָך אין דער לופטן.

ו

פאַטאַמאָרגאַנאַ

עס גליט דאָס זאַמד אין מדבּרדיקן ים.
דער הימל שרפעט מיט אַ בלויען פלאַם.
דער גייער — עלנט, אין זיין דורשט פאַרגייט,
דער אָטעם שווער — אַליין אין מדבר-ברייט.
נאָר אָט האָט זיך געעפנט פאַר זיין בליק
אַ גרינע וועלט מיט וואַסערן פון גליק,
מיט פעלדער אויסגעשפּרייט צום האָריזאָנט,
מיט בייטן בלעטער, בלומען, רויטער מאָן.
און איבער דעם — אַ מענטשלעך ליכטיק הויז.
פון קלאָרע פענצטער קוקט אַ פריינט אַרויס,
און אין דעם פריינט — אַ שמייכל ווי אַ שיין,
און קינדער פון דעם הויז — אַרויס־אַריין.
און דאָס איז דאָך דערביי, דערנעבן, דאָ...
דער מידער גייער איילט — אָט נאָך אַ טראָט.
געענדיקט איז דער מאַטער־וועג, דער פיין,
אין הויז אין מענטשלעכן וועט ער אַריין. —

און ווען זיין טריט האָט זיך צום הויז דערנענט,
אָ ווײ! האָט ער דאָס בילד שוין ניט דערקענט.
אַ פּלאַץ איז עס געווען פון וויסטן גרוי,
און ניט קיין הויז — נאָר תּליות אין אַ רײ.
ווי שוואַרצע נעגל שטעקן זיי אין רוים,
ווי הענגענדיקע שאָטנס איבער תּהום — — — —
אָט-דאָס איז עס די שיינע וועלט אין גרין?
וווּהין וועט גיין דער גייער — אַוווּהין?...

ז

דער לויפער

איך האָב געהאַט אַ היים,
איך האָב זי שוין נישט מער —
אַן אָפּגעהאַקטער בוים
אָן וואָרצלען און אָן ערד.

אין ליטע־לאַנד, ביים טייך,
מיין יוגנט איז צעבליט,
און ברידער — העל און גלייך,
אין ספּאָרט־געווערט צעגליט.

ס'איז וואָלף — דער שלאַנקער יונג —
דער ערשטער אין פאַרמעסט,
דעם ווייטסטן טוט ער שפּרונג,
דעם דיסק ער שליידערט פעסט.

און אויך די קויל, דעם שפּיז —
נאָר איבער אַלץ איז ער
אַ לויפער, און אַ פּריז
באַקומט ער, אַ טראָפעי.

דערנאָך — אין אַמסטערדאַם,
אין וועלטישן פּאַרמעסט,
געווונען יעדן לאַנד —
אַזאַ געווען „דער ליך״!

***

און אָט איז דאָ דער דייטש,
דער צויגן-זון, אין לאַנד.
אין איין האַנט איז די בייטש,
(צי האָב איך גוט געטראַפֿט?),

אין צווייטער האַנט — די ביקס.
די יידן שלעפּט צונויף
אויף ספּאָרט-פּעלד... עפּעס איז...
ס'וועט זיין אַ יידן-לויף.

און אויך אַ גרוב איז דאָ
אַ טיפֿע, לעבן פּלויט.
דער ספּאָרט-פּאַרמעסט פֿאַנגט אָן:
„נו, יידן! יידן — לויפֿט!״.

דעם טאַטן שלעפּט אַ זון,
ער קען כמעט ניט גיין.
און אויבעט אַ בעל-מום,
איז אין פּאַרמעסט אַריין.

אויך וואָלף איז דאָ אין מיט,
דער יונגער הירש איז דאָ.
ער שלעפּט קוים זיינע טריט.
דער נאַצי פון אים שפּאָט.

די ערשטע אין געוועט —
דער טאַטע און דער זון.
דער לאָמער — ניט צו שפּעט,
נאָר וואָלף — דער לעצטער קומט.

צופרידן איז דער הון
פון זיין געוועט-פאַרמעסט
און האַקט אוים אויף זיין צונג:
— „עס זיגן די פון לעצטן!",

„עס טאָר קיין ייד ניט זיין
קיין ערשטער — אין קיין פאַל!",
און טרייבט אין גרוב אַריין
די „זיגער" — יונג און אַלט.

און רידלען אין די הענט,
די „לעצטע" ער פאַרטיילט.
און וואָלף — עס איז געשען,
וואָס איך פאַר אייך דערציילט:

דערפֿילנדיק אין האַנט
די לאַפּעטע, האָט ער
געגלעט איר שאַרפֿן קאַנט,
זאָל זיין עס איז אַ שווערד.

מיט איר אין דייטשן־קעפּ,
אין העלדזער נאָר געצילט —
ביז אויטאָמאַטן־שטעפּ
אים האָבן איינגעשטילט.

**
*

איך האָב געהאַט אַ היים,
איך האָב זי שוין נישט מער —
אַן אָפּגעהאַקטער בוים
אָן וואָרצלען און אָן ערד.

ח

די גרויסע שטילקייט

ס'האָט יעקב — זאַט אין יאָרן,
דער ווייסער קאָפּ אין זקנה-בלענד,
דערפילט — עס לעשט זיך שוין דער דאָרן
און שאָטנס קילן זיינע הענט.

ער רופט צונויף די יורשים זיינע,
אַ לעצטן בליק פאַר זיי ער טראָגט,
זיין לעצטער בליק זאָל זיי באַשיינען,
געזעגענען אין לעצטן טאָג.

„— ס'טראָגט יעדער מענטש אין זיך זיין גורל,
דערטראָגט אים יעדער ביז צו ענד —
ווי ס'פליט אַדורך אין רוים אַ פויגל,
אַזוי דורך טעג — דער גאַנג פון מענטש". —

און מער קיין ווערטער האָט דער זקן
אַרויסגעבראַכט אין לעצטן צאַנק —
די גרויסע שטילקייט — ווי אַ גלאָק האָט
צעקלונגען זיך, נאָר — אָן אַ קלאַנג.

ס ע ר ע נ אַ ד ע

ט

כ'האָב געשטעלט זיך ביי דעם פענצטער
פון מיין נייער ליבע,
און דאָס האַרץ — אַן אָנגעפילטער בעכער,
גייט מיט ווײַ אַריבער.
— ליבסטע — זינג איך — בלאָנדער זון־שטראַל,
איינציקע און ריינע,
וואַרף אַראָפּ אַ בליק אַ זיידן וואונדער,
מיט אַ קוק דערפרייַ מיר.
כ'וועל פאַר דער מתנה דיינער,
שענקען דיר אַ שטערן
פון דעם מילך־וועג — ס'איז פאַרמעגן מיינער,
אָפּגעשריבן אין די ספערן.
אין דעם קוואַל פון ברוסט, געטרייע,
קענסטו קומען שעפּן
די פאַרפומען פון דעם צאַרטסטן „מים",
פון פּאָעזיע — לעבן. — — — —

י

ס אָ נ ע ט

עס איילן מיינע וואָלקנס, מיינע זעגלען,
איך טראָג מיך מיט דער כוואַליע אָן אַ ברעג,
וואָס שפּרינגט אַריבער בערג און שטעט, און לענדער,
און איך בין אַלץ — און גאָרנישט מיין פאַרמעג.

כ'בין דאָ און אומעטום, דאָך קיינער קען מיך.
אַ מחנה ווייסע אָדלערס — מיינע טעג:
פאָרויס! פאָרויס! אין רחבותדיקן וועג!
קיין אָנהויב ניט, קיין סוף אין מיין באַוועגן.

איך ווייס ניט וואָס איז פרייד און וואָס איז טרויער.
דער טאָג גייט אויף — אַ ווייסע בלום, די נאַכט —
אַ שוואַרצער טוליפּאַן — אַלץ בליט און דויערט.

ס'איז דאָ אַ וועלט און זי איז נאָך אין ווערן.
דער מענטש אין איר — איז אפשר אויסגעטראַכט
אָט-ווי אין הימל — ס'מעשהלע — די שטערן.

יא

יידל מיטן פידל

יידל מיטן פידל,
קלעזמערל נישט־דאָ־געדאַכט,
נעם אין האַנט אַ רידל,
גראָב זיך אויס אַ גריבל,
שפּיל זיך אויף אַ לידל
און זאָג — אַ גוטע נאַכט!

ווער לעבט דען מיט אַ ניגון?
קלעזמערל נישט-דאָ־געדאַכט!
וואָס קענסטו טאָן? — פאַרוויגן
די ליידיקע קינדער־וויגן,
די כשרע ווייסע ציגן,
וואָס פּרעסן אויף דעם דאַך...

אפילו אויף אַ תּנאָים,
אַ חתונה נאָך ספירה־צייט,
מען וויל דיר ניט געטרויען
אַ פריילעכס אָנצוסטרויען
ווייל שפּילסטו — ווערט אַ טרויער,
אַ הספד, פוי, אויף וויסטער ווייט.

יידל מיטן פידל,
קלעזמערל נישט-דאָ־געדאַכט,
נעם אין האַנט אַ רידל,
גראָב זיך אוים אַ גריבל,
שפּיל זיך אויף אַ לידל
און זאָג — אַ גוטע נאַכט!...

יב

לאָמיר הויבן דעם בעכער

לאָמיר הויבן דעם בעכער,
דעם בעכער מיט וויין
פאַרן היינט, פאַרן מאָרגן,
פאַרן ווען ס'זאָל ניט זיין!

פאַר די מענטשן, וואָס לויפן
גאַס אויס און גאַס איין,
לאָמיר הויבן דעם בעכער,
דעם בעכער מיט וויין!

פאַר די אַלע פאַרדרוסן,
מיזעריע און פּיין,
לאָמיר הויבן דעם בעכער,
דעם בעכער מיט וויין!

פאַרן טאָג פון דער עלטער,
וואָס פירט אונדז אַריין
אין פּאַלאַץ פון קבר —
דעם בעכער מיט וויין!

לאָמיר הויבן דעם בעכער
דעם בעכער מיט וויין,
פאַרן היינט, פאַרן מאָרגן,
פאַרן ווען ס'זאָל ניט זיין!...

ESTE LIBRO FUE TERMINADO EL TREINTA DE JULIO DE MIL NOVECIENTOS SESENTA EN LA IMPRENTA "ANCLA", DE BERNARDO MARGULIES, CALLE ANDES MIL CIENTO CUARENTA Y SEIS, EN MONTEVIDEO, REPUBLICA O. DEL URUGUAY.